בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת משפטים
שבת שקלים
א' אדר שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 14
(29)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מַעֲשֶׂה ו', מִמֶּלֶךְ עָנָו [חֵלֶק ב'] אוּן גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם מַעֲשֶׂה.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

נָאר דָאס וָואס עֶר הַתְמִי'ט זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיין אִישׁ אֱמֶת אוּן אֵיין עָנָיו. דָאס וֵויים אִיךְ נִיט. אוּן אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט מִיט בְּרֶענְגֶען דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

וַוייל דוּרְךְ דֶעם בִּילְד וֶועט דֶער קֶענִיג קֶענֶען דֶערְקֶענֶען דֶעם אַנְדֶערְן קֶענִיג וָואס הַתְמִ'עֶט זִיךְ אוּנְטֶער אַז עֶר אִיז אַ גִּבּוֹר, אַ אִישׁ אֱמֶת אוּן אַ עָנָיו, צִי דָאס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת יח, כא), יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ: "וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע וְגוֹ'", אוּן דוּ זָאלְסְט זֶען פוּן דֶעם גַאנְצְן פָּאלְק רַייכֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאראַנְטְוָוארְטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַיינְט גֶעלְט וְכוּ', זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ דַף עח.) עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט 'וְאַתָּה תִבְחַר' - אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוֶועלְן, נָאר 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה' - אוּן דוּ זָאלְסְט זֶען, אִיז דֶער זֹהַר מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת אַז דוּרְכְ'ן זֶען דֶעם צוּרָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן מִדּוֹת. דָאס רוּפְט זִיךְ 'חָכְמַת הַפַּרְצוּף'.

וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַלֶע פָּאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דֶער פָּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גִיהַתְמִי'ט כַּנַּ"ל) הָאט זִיךְ נִיט גִיפוּנֶען בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ אִיז פַאר בָּארְגִין פוּן מֶענְשֶׁען. וָוארִין עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ פִירְהַאנְג. אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִי לַייט פוּן זַיין מְדִינָה.

אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ ווִיסְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ פִירְהַאנְג - דָאס זֶענֶען זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הִיט אוּן רֶעקְל וְכוּ', עֶס קוּקְט דָאךְ מַמָּשׁ אוֹיס ווִי דִי שְׁכִינָה רוּט אוֹיף אִים... אַלֶעס אִיז מִיט אִים בְּסֵדֶר, אָבֶּער לֵיידֶער בֶּאֱמֶת פַארְמָאגְט עֶר גָארְנִישְׁט.

אִיז דֶער חָכָם גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר בַּאדַארְף ווִיסִין דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמַר דִי זַאךְ פוּן דֶער מְדִינָה ווִי אַזוֹי דִי מְדִינָה פִירְט זִיךְ) אוּן דוּרְךְ וָואס קָאן עֶר ווִיסְן דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה. דָארְךְ דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער מְדִינָה. וָוארְן אַז מִיבַּאדַארְף ווִיסְן אַ זַאךְ. מוּז מֶען ווִיסְן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער זַאךְ. וָוארְן סֶע פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער ווִיל טַאקֶע יֶענֶעם טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע רֵייד. אוּן אַז יֶענֶער קוּקְט

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

### וְרַפֹּא יְרַפֵּא (שְׁמוֹת כא, יט)

מִכַּאן שֶׁנִּיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת (בְּרָכוֹת ס.)

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזַא זַאךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין הָאפֶענוּנְג וְכוּ', אֲפִילוּ דֶער דָאקְטֶער זָאל זַיין גְרוֹיס אוּן הוֹיעךְ ווִי עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וְכוּ', קֶען עֶר נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְפוּאָה וְכוּ', וֶוער אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן? דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יט) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכַּאן שֶׁנִּיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; זָאגְן צַדִּיקִים מֶען הָאט גֶעגֶעבְן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אָבֶער נִישְׁט מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דוּ וֶועסְט בְּוַודַּאי זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, וָוארוּם תְּפִלָּה דָאס אִיז דִי טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פד), אַ שָׁאד אַז קֵיינֶער טְרֶעפְט נִישְׁט דֶעם טוֹיעֶר, וָואס דָאס אִיז זַיין מוֹיל יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס מוֹיל דָאס אִיז דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים וְכוּ' אִיז דָאךְ בֶּעסֶער צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, וָואס דָאס הֵייסְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אָפְּזִינְדֶערְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען פַאר אִים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ.

דוּ הָאסְט אַ הַשָּׂגָה וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע אִיד? אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זַיין גַאנְצְן מֹחַ מַחְשָׁבָה נָאר דָבוּק אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן זַיין גַאנְצֶע תְּשׁוּקָה אוּן בֶּענְקֶענִישׁ אִיז נָאר ווִי אַזוֹי נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי זַיין גוּף וֶועט שׁוֹין לִיגְן אִין קֶבֶר, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ה:) מִי שֶׁנַּעֲשָׂה שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו; עֶר אִיז זִיךְ מְצַיֵּיר ווִי דִי גוּף לִיגְט שׁוֹין אִין קֶבֶר אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אוּן סְ'ווִיל זִיךְ נָאר צוּקְלֶעבְּן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט אַ צַדִּיק וָואס אִיז נִכְלָל אִינְגַאנְצְן אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַז אָךְ אוּן וֵויי דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט אוֹיף אַזַא צַדִּיק וָואס אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אוֹיף אַזַא עֶרְלִיכְן אִיד, אִיבֶּערְדֶעם אַנְטְלוֹיף פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַּאי הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּ אִים.

הַיינְט בַּייַנַאכְט ז' טֵבֵת, אִיז דֶער יָארְצַייט

<<<

זִיךְ אַרוּם. זָאגְט עֶר אִים אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוֶועס אַזוֹי וְוִי סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיּוֹרֶה זִיקִים וְכוּ' וְאָמַר הֲלֹא מְצַחֵק אָנִי (כְּלוֹמֶר אַזוֹי וְוִי אֵיינֶער שִׁיסְט פַיילְן אִין הַארְצְן אַרַיין. אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוְועס) אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מֵיינְט טַאקֶע אוֹיף קַאטָאוֶועס. אוּן עֶר אִיז פָּארְט מַזִיק דֶעם אַנֶדערְן מִיט זַיינֶע רֵייד. אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מְדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. (כְּלוֹמֶר דִי מְדִינָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער כְּלַל פוּן אַלֶע מְדִינוֹת) אוּן אִין דֶער מְדִינָה אִיז פַאר הַאנְדְן אַ שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. אוּן אִין דֶער שְׁטָאט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער פוּן דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטוּבּ אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּבּ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר דָאס לֵיצָנוּת אוּן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה.

דִי מְדִינָה וָואס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַלֶע מְדִינוֹת פוּן דִי וֶועלְט - דָאס אִיז 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'; דִי שְׁטָאט וָואס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַלֶע שְׁטֶעט פוּן דֶעם מְדִינָה - דָאס אִיז 'יְרוּשָׁלַיִם'; דֶער שְׁטוּבּ וָואס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַלֶע שְׁטוּבֶּער פוּן דֶעם שְׁטָאט - דָאס אִיז דִי 'קָדְשֵׁי קָדָשִׁים', אוּן אִין דֶעם שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כּוֹלֵל דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ - דָאס אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, וָואס דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִיק הַדּוֹר, אוּן אוֹיף אִים שְׁטֵייט אוֹיף דֶער סמ"ך מֵ"ם אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִים, כְּדֵי צוּ פַארְמַיידְן מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים דוּרְךְ זַיינֶע לֵיצָנוּת.

מוֹהֲרָאשׁ זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִין דִי לֵיצָנוּת וָואס דִי לֵצִים מַאכְן אוֹיפְ'ן צַדִיק קוּמְט גָאר אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק אוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אִים; וָואס זֶענֶען דִי לֵצָנוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? "מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער...; מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנַיוֹת...; מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן קְדוּשָׁה...; מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן צַדִיק אֱמֶת... - יֶעצְט זֶעט מֶען וֶוער אִיז דֶער חוֹזֵק, פוּן דִי לֵיצָנוּת קוּמְט אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז מַעֲלוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין אַזַא הֵיילִיג פְּלַאץ וָואס מֶען רֶעדְט דָארְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מִשְׁנַיוֹת, פוּן קְדוּשָׁה אוּן פוּן צַדִיק הָאֱמֶת.

לֵיצָנוּת הָאט אָבֶּער אַזַא גְרוֹיסֶע כֹּחַ, אֲפִילוּ דֶער לֵץ פַארְקוֹיפְט גָארְנִישְׁט, זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם בַּאדֵייט - דָאךְ קֶען עֶס שָׁאטְן פַארְ'ן צוּהֶערֶער, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם צַדִיק. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג פוּן 'הֲפָצָה' דוּרְךְ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט כְּסֵדֶר גֶעהֵייסְן אוּן גֶעמָאנְט מֶען זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אָבֶּער פוּן אֵיין זַייט שְׁוֶוער וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן מִיט לֵצִים, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן שׁוֹין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וְכוּ', גֵייט דִי הֲפָצָה נִישְׁט דוּרְךְ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן נָאר מֶען גֵייט אַרוּם מִיט סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידִי"ס, מֶען בֶּעט עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה אוּן מֶען גֶעבְּט אַ מַתָּנָה, אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס אָדֶער אַ סִידִי, קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן לֵצִים.

בֶּעפָאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ מְנַהֵל אִין אַ אַנֶדערֶע מוֹסָד, אִיךְ פְלֶעג דָארְט רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַ אִינְגֶערְמַאן אַ בְּרוּדֶער פוּן אַ בָּחוּר, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, הָאט יֶענֶער מִיר גֶעפְרֶעגְט וֶוער אִיךְ בִּין, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, הָאט זִיךְ יֶענֶער אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין בְּרוּדֶער מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן לֵיצָנוּת: "אָהָ, עֶר אִיז דֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער...' 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער...'" - דֶערְמָאלְט הָאט דָאס מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ יֶענֶעם גֶעטוּן אַז עֶר זָאל חוֹזֵק מַאכְן פוּן מִיר?; שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָבֵר אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט עֶר מִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דָאס דַארְף דִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ, קוּק 'וָואס' דִי לֵיצָנוּת אוֹיף דִיר אִיז, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דִי לֵיצָנוּת אוֹיף זֵיי אִיז 'דֶער אִיז אַזַא גֶעלְט גֵייצִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר בַּארוֹיבְּט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּלִיבּ אַפָּאר פְּרוּטוֹת, 'דֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס טוּט זִינְד רַחֲמָנָא לִצְּלָן' וְכַדוֹמֶה, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דַיין פֶּעלֶער אִיז אַז דוּ רֶעדְסְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

הָאט דֶער חָכָם מִיט זִיךְ גִינוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְד. אוּן אִיז אַהִין גִינַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז מִימַאכְט דָארְט כַּמָּה אִירְלֵיי גִישְׁפֶּעט אוּן קַאטָאוֶועס הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז דוּרְךְ פוּל מִיט שְׁקָרִים (דְהַיְינוּ לִיגְן) וָוארִין עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז מִמַאכְט גִישְׁפֶּעט. וְוִי אַזוֹי מְנַארְט מֶענְטְשְׁן אִין מַשָּׂא

פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע'ס זוּן, רֶבִּי צְבִי זי"ע, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָאדִיגֶע צוּרָה, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וְוִי עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער פָּנִים הָאט אִים זֵייעֶר גֶעלָאכְטְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פַארְטְרַאכְט וְכוּ', מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישְׁן דְבֵיקוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען דֶער פָּאטֶער צוּ אִים אִין חָלוֹם, אוּן הָאט אִים בַּאוִויזְן זֵייעֶר אַ הוֹיכְן בַּארְג, אוּן אוּנְטְן בַּיים טָאל אִיז דָא אַ טַייךְ, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁפִּיץ בַּארְג אוּן הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ קוֹילֶער אַרָאפּ מִיטְן גְרֶעסְטְן כֹּחַ, בִּיז עֶר אִיז צֶעפִּיצְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין טַייךְ אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "זֶעסְט מַיין קִינְד? אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, מִיט אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט שְׁטֶענְדִיג אַז אָט בִּין אִיךְ אוֹיף אַ שְׁפִּיץ בַּארְג, אוּן אָט קוֹילֶער אִיךְ זִיךְ אַרָאפּ אוּן וֶוער צֶעפִּיצְלְט אוֹיף פִּיצְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פַאל אַרַיין פִּיצְלֶעךְ אִין טַייךְ, אַזוֹי דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט צַדִיקִים, זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַזֶעלְכֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ, אוּן אוֹיכֶעט דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן וַוייזְן אַרוֹיס זֵייעֶרֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ', וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן לְהֵיפֶךְ אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג פָּגוּם אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן סְ'שְׁטִינְקְט פוּן אִים דִי נִאוּף, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְרַחֵק זַיין פוּן לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֶע גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה.

שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעט, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ וּרְפוּאַת הַגּוּף, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ'.

(אֲשֶׁר בַּנַחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב, סִימָן ק"י)

וּמַתָּן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קוּמְט זִיךְ לָאדִין אִין מַאנִיסְטְרַאט. אוּן דָארְט אִיז דוּרְךְ לִיגְן. אוּן זֵיי נֶעמֶען שׂוֹחַד. גֵייט עֶר צוּם הֶעכֶעריִן סָאנְד. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ גָאר לִיגְן. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלְץ גִימַאכְט גִישְׁפֶּעט אוֹיף קַאטָאוֶועס. אָן שְׁטֶעלִין פוּן דִי אַלֶע זַאכִין. הָאט דֶער חָכָם פַארְשְׁטַאנֶען אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז פוּל מִיט לִיגְן אוּן מִיט רַמָאוּת אוּן סֶע גָאר קֵיין שׁוּם אֶמֶת נִיט אִין דֶער מְדִינָה. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיהַאנְדְלְט אִין דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט זִיךְ גִילָאזְט נַארִין אִין דֶעם מַשָּׂא וּמַתָּן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִיךְ לָאדִין פַאר דִי סָאנְדִים. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע פוּל מִיט לִיגְן אוּן נֶעמֶען שׂוֹחַד. הַיינְט הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעבְּן שׂוֹחַד. מָארְגְן הָאבְּן זֵיי אִים נִיט גִיקֶענְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערִין סָאנְד אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ פוּל מִיט לִיגְן. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען פַאר דֶעם סֶענַאט. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ לִיגְן אוּן שׂוֹחַד. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין.

אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער וֶועמֶען בִּיסְטוּ אַ מֶלֶךְ. דִי מְדִינָה אִיז דוּךְ אִין גַאנְצְן פוּל מִיט לִיגְן דוּרְךְ. פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אוּן סֶע אִיז אִין אִיר קֵיין שׁוּם אֶמֶת נִיט דָא. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבְּן אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה. וִוי דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד. הָאט עֶר זִיךְ צוּ גִיבּוֹיגְן זַיינֶע אוֹיעֶרִין צוּם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל הֶערִין זַיינֶע רֵייד. וָוארְן סֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיס וִוינְדֶער גִיוֶוען אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל וִויסְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן דִי שָׂרֵי מְלוּכָה הָאבְּן גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן זֶענֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלְץ וַוייטֶער דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה. הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן. מֶען וָואלְט גִיקֶענְט זָאגִין אַז דֶער מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי וִוי זֵיי אַז עֶר הָאט לִיבּ לִיגְן אַזוֹי וִוי דִי מְדִינָה. נָאר אַדְרַבָּא פוּן דַאנֶעט זֶעהְט מֶען וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אֵיין אִישׁ אֶמֶת אוּן דֶערְאִיבֶּער בִּיסְטוּ וַוייט פוּן זֵיי מַחְמַת דוּ קָאנְסְט נִיט סוֹבֵל זַיין דֶעם שֶׁקֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר צוּ לוֹיבִּין. אוּן דֶער מֶלֶךְ מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו וּבִמְקוֹם גְדוּלָּתוֹ שָׁם עַנְווּתְנוּתוֹ. וָוארִין אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן אֵיין עָנָיו. אַז וָואס מֶער מְלוֹיבְּט אִים אוּן מְגַרֵייסְט אִים. וֶוערְט עֶר אַלְץ קְלֶענֶער בַּיי זִיךְ אוּן מֶער עָנָיו אַלְץ. אוּן מַחְמַת דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן גִיגְרֵייסְט דֶעם מֶלֶךְ. אִיז דֶער מֶלֶךְ אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס עֲנָוָה אוּן אִין זֵייעֶר קְלֵיינְקֵייט אַרַיין. בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס הֵייסְט 'עֲנָוָה'; דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי גָארְנִישְׁט בַּיי זִיךְ, וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים אַלְץ קְלֶענֶער וֶוערְט עֶר בַּיי זִיךְ.

הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט אַיין הַאלְטִין אוּן הָאט אַ וָוארְף גִיטָאן דֶעם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל זֶעהְן דֶעם חָכָם. וֶוער אִיז דָאס וָואס עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלְץ. אִיז אַנְפְּלֶעקְט גִיוָוארִין דָאס פָּנִים פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' אוּן גֶעזָאגְט: דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ דַאנְקְט עֶר אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס עֶר הָאט - דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ צוּ אִים, עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר 'זֶעט' דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָא אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער חָכָם הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶערֶעדְט מִיטְ'ן קֶענִיג הָאט

זִיךְ דֶער קֶענִיג זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן הָאט גֶעגֶעבְּן אַ וַוארְף דֶעם פִּירְהַאנְג אוּן זַיין פָּנִים אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה דֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א, א): "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם, וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים", הָאט ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים אִיז 'אֱמוּנָה'; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן סֵיי וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶס עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף פַאר אִים אַלֶע הִימְלֶען, בִּיז עֶר זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ: אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, וֶוערְט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן קְלָאר זַיין אֱמוּנָה אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיין מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אֶפִּיקוֹרֶס צוּ רֶבִּי נָתָן אִין אוּמַאן אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים חֲקִירוֹת וְכוּ' אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוָוארְן צֶעפַייעֶרְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וָואס שְׁמוּעֶסְטוּ מִיט מִיר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'? "וָאֶרְאֶה אֶת הוי"ה", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אִין אַ קַאר סֶערְוִויס, פָארְנְדִיג הָאט מִיר דֶער דְרֵייוֶוער, אַ אִיד, גֶעפְרֶעגְט: "בָּחוּרְ'ל וואו לֶערְנְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ יְשִׁיבָה", פְרֶעגְט אִים דֶער דְרֵייוֶוער: "וָואס רֶעדְט מֶען דָארְט, פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער...?!" אוּן דֶער דְרֵייוֶוער הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, [פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט עֶר לֵיידֶער אוֹיס וִוי אַ חַסִידִ'ישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ'...] הָאט אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה', אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן פַּאסִירוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן", אִיךְ הָאבּ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְטְן פוּנְקְט אַזוֹי אוֹיךְ גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען אָן תְּפִלָּה", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵייס בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט, אִיךְ זֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט!"; אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בָּחוּר, עֶר הָאט עֶס מִיר דֶערְצֵיילְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט 'קוּק וואו אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פָּשׁוּטֶ'ער בָּחוּר שְׁפִּירְט וִוי עֶר זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!'

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשֶׁעט מִיטְ'ן מענטש אַסַאךְ זַאכְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי; קוֹדֶם כָּל נֶעמְט עֶר אַרַיין נָאךְ 'אֱמוּנָה' אִין זִיךְ, יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט בַּיי אִים שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן מֶער שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִּילְט אַז עֶר הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף מֶער נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תכ) אַז אִין 'אֱמוּנָה' זֶענֶען דָא הֵיכָלוֹת אוּן שְׁטוּבֶּער, מֶען קֶען אַלְץ אַרַיינְגֵיין דֶערִין טִיפֶער אוּן טִיפֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א) אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיין קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה. צְוֵוייטְנְס, דוּרְכ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיטֶערְט מֶען אוֹיס דֶעם מֹחַ פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. דְרִיטֶענְס, אַז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען הָאט דֶערוֹיף גֶעבֶּעטְן.

וֶוען אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט חֲבֵרִים אוּן קְרוֹבִים, חָשׁוּבֶ'ע אִינְגֶעלַייט, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, עוֹבְדֵי הַשֵּׁם וְכוּ', טְרַאכְט אִיךְ שְׁטֶענְדִיג: "אַ שָׁאד זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי ווִיסְן נִישְׁט פוּן דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעווּאוּסְט פוּן דִי עֵצָה וָואלְטְן זֵיי וֶוען אָנְגֶעקוּמֶען גָאר הוֹיךְ, זֵיי זֶענֶען דָאךְ אַזֶעלְכֶע חָשׁוּבֶ'ע אִינְגֶעלַייט, עֶס פֶעלְט זֵיי 'הִתְבּוֹדְדוּת'"; אִיךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ בִּין אוֹיסְדֶערְוֶועלְט גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין גֶעווּאוּיר גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס פּוּנְקְט אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ דֶערְצוּ.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, אָבֶער דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז, עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

וָואס מֵיינְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'? - אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ", "אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת", "אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ פְּרוּבִיר אַזוֹיפִיל מָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אָבֶער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ רֶעג זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף", "הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר"; אַ בָּחוּר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין זִווּג, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן".

וֶוען מַאכְט מֶען 'הִתְבּוֹדְדוּת'? - דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי; מֶען גֵייט אַפָּאר מִינוּט אִין אַ זַייט אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס, אוּן מֶען בֶּעט אִים בִּפְרָטִיּוּת אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אִינְדֶערְפְרִי גֶעדוֹיֶרְט אַ שְׁטִיקְל צַייט בִּיז עֶר קוּמְט צוּ זִיךְ, מַאכְן זֵיי 'הִתְבּוֹדְדוּת' שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס גוּט פַאר זֵיי. דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין דֶער טָאג אָן רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ וַוייט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִין וָואס פַאר אַ טוּמְאָה עֶר לִיגְט לֹא עָלֵינוּ, דָאס אֵיינֶע זַאךְ הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר קֶען עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָפְּגֶעזֶען וֶוער עֶר אִיז, וואוּ עֶר אִיז, וָואס עֶר אִיז. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף פוּן שְׁלָאף זָאגְט מֶען: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה, רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְק'עֶט (מָגֵן אַבְרָהָם, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ד, סְעִיף קָטָן כח) אַז דָאס זָאל מֶען זָאגְן גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, נָאךְ אֵיידֶער מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, - ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען דֶערמָאלְט דָאס זָאגְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ יֶעצְט נָאךְ טָמֵא, עֶר טָאר נָאכְנִישְׁט אָנְרִירְן קַיין שׁוּם אֵבָר, זַיין מוֹיל, זַיין נָאז, זַיינֶע אוֹיעֶרְן, זַיינֶע אוֹיגְן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ שָׁם, סִימָן ד, סְעִיף ג), אוּן טָמֵא'נֶערְהֵייט זָאל עֶר דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! - נָאר פוּן דָא זֶעט מֶען אַז דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג אִין וֶועלְכֶע מַצָּב דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי טָמֵא דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק טָמֵא אַז וואוּ עֶר רִירְט נָאר צוּ וֶוערְט אוֹיךְ טָמֵא, דָאךְ קֶען עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אִים דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן, עֶר קֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוֹיף זַיין פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הָאט אַ צִמְצוּם, עֶס דַארְף זַיין צוּ דֶעם גֶעווִיסֶע צוּגֶעהֶערְן מֶען זָאל עֶס קֶענֶען טוּן, אֲפִילוּ צוּ קֶענֶען 'זָאגְן מִשְׁנַיוֹת' דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְן דֶעם מִשְׁנָיוֹתְ'ל אַרַיינְצוּקוּקְן דֶערִין, אָבֶער אוֹיף 'הִתְבּוֹדְדוּת', אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם צִמְצוּם, דָאס קֶען מֶען טוּן אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעהֶערְן, דָאס טוּט מֶען וואוּ מֶען שְׁטֵייט אוּן וואוּ מֶען גֵייט.

וָואס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט? נָאר דָאס בִּיסְל דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס בִּיסְל מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט - נָאר דָאס נֶעמְט עֶר מִיט. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: "מִיר וואוֹינֶען יֶעצְט טַאקֶע אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה, אָבֶער מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶ דִירָה, דָארְט הָאבְן מִיר גָאר אַסַאךְ שְׁטוּבֶּער", פְרֶעגְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער: "וואוּ אִיז דִי נֵייעֶ דִירָה?" עֶנְטְפֶער אִיךְ זֵיי: "דִי נֵייעֶ דִירָה אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, מִיר הָאבְן אוֹיבְן אִין הִימְל רִיזִיגֶע הֶערְלִיכֶע פַּאלַאצְן מִיט צֶענְדְלִיגֶער שְׁטוּבֶּער, אֵיין שְׁטוּבּ אִיז אַ 'בַּבְלִי' שְׁטוּבּ - דָאס בּוֹיעֶן מִיר וֶוען מִיר לֶערְנֶען 'תַּלְמוּד בַּבְלִי', אֵיין שְׁטוּבּ אִיז אַ 'יְרוּשַׁלְמִי' שְׁטוּבּ - דָאס בּוֹיעֶן מִיר וֶוען מִיר לֶערְנֶען 'תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי', אוּן אַזוֹי הָאבְן מִיר אַ 'נַ"ךְ' שְׁטוּבּ, אַ 'תּוֹסֶפְתָּא' שְׁטוּבּ, אַ 'רַמְבַּ"ם' שְׁטוּבּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים; יֶעדֶעס מָאל וָואס מִיר גֶעבְן זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן עֶסְן צוּזַאמֶען מִילְכִיג אוּן פְלֵיישִׁיג וֶוערְט גֶעבּוֹיט דֶערְפוּן נָאךְ אַ נֵייעֶ הֶערְלִיכֶע 'קָאךְ', יֶעדֶע שַׁבָּת וָואס מִיר הִיטְן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוֹיבְן נָאךְ אַ נֵייעֶ גְרוֹיסֶע 'שַׁבָּת שְׁטוּבּ' אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע יוֹם טוֹב אַ נֵייעֶ 'יוֹם שְׁטוּבּ'! קוּמְט אוֹיס מִיר הָאבְן שׁוֹין דָארְט גָאר אַסַאךְ 'שְׁטוּבֶּער', גָאר אַסַאךְ 'שַׁבָּת שְׁטוּבֶּער', גָאר אַסַאךְ 'יוֹם טוֹב שְׁטוּבֶּער' אוּן גָאר אַסַאךְ 'קִיכְן'.

**הָאט אִים דֶער חָכָם גִיזֶעהְן הָאט עֶר אָפְּגִימָאלְט זַיין פַּאטְרֶעט. אוּן הָאט גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ.**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, מִיר הָאבְן דִי וָואךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאכְאַמָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן סֵדֶר מוֹעֵד פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיים סְעוּדַת הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי צוּ לֶערְנֶען נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן, וַוייל אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ יֶעצְט רֶעדְן דֶערְפוּן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג צְוֵויי פְּרָקִים נַ"ךְ - עֶנְדִיגְט מֶען אוּנְטֶער אַ יָאר גַאנְץ נַ"ךְ, עֶס גֶעדוֹיֶרְט נִישְׁט מֶער פוּן צְוֵויי מִינוּט אַ טָאג, [חוּץ אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י, אָבֶער אָן רַשִׁ"י גֶעדוֹיֶרְט עֶס גָאר שְׁנֶעל], אַ שָׁאד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מִיטְכַאפְּן מִיט דֶעם סֵדֶר. אוֹיךְ הָאבְן מִיר גֶעעֶנְדִיגְט סֵדֶר מוֹעֵד אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, דָאס אִיז שׁוֹין הַאלְבּ שַׁ"ס, וַוייל תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי עֶנְטְהַאלְט סֵדֶר זְרָעִים, מוֹעֵד, נָשִׁים, נְזִיקִין; קָדָשִׁים אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אוֹיף טָהֳרוֹת אִיז נָאר דָא מַסֶּכֶת נִדָּה, קוּמְט אוֹיס אַז זְרָעִים מוֹעֵד זֶענֶען הַאלְבּ שַׁ"ס, אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל עֶנְדִיגְט מֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט גַאנְץ תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפֶענֶען דֶעם פִּירְהַאנְג, עֶר וֶועט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ אוּנְז, אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, אָמֵן.